Radomer - Kielcer Leben" 32 (372) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-טר יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן

היינט 8 זייט.

Radom, dnia 14 Sierpnia 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאָג, א׳ אלול תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
„ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ נאָכ׳ן „ 25 „
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפאַלטען
אין טעקסט 4 „

א הארציגען מזל טוב די פאַמיליע א י ס ר ל י פ ש י ץ
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער אונזער פריינדין צ ע ל אַ
מיט ה׳ ס ע ל י ם ל י פ ש י ץ
נחת, גליק און צופרידענהייט זאָלען תמיד זיין אייערע לעבענס-באַגלייטער.
ראדאם 10 אויגוסט 1931 מלכה, שמואל אלי׳

Róża Lipszycówna —— Izaak Furman

ZARĘCZENI

Radom w Sierpniu 1931.

אַ הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר
אונזער ליבען זוהן און ברודער א י ז אַ ק
צו זיינע תנאים מיט פרל. ר ו ז ש ע ל י פ ש י ץ פון ראַדאָם.
מיר ווינשען אייך אַז גליק און צופרידענהייט זאָלן אייך תמיד בעגלייטן.
עלטערן: מרדכי און רבקה פומהראן,
שוועסטער און ברודער. טאָקאָלקאָ.

Z intencji zaręczyn kolegi
Izaaka Furmana z p. Różą Lipszycówną
życzą wiele szczęścia i wiecznego zadowolenia.
*Samson Szerman*
z Narzeczoną

Z intencji zaręczyn szczerego przyjaciela
p. Izaaka Furmana z p. Różą Lipszycówną
życzy im wiecznego zadowolenia i harmonji w życiu.
*Jakóbowstwo Korman*

מיר גראַטולירען הערצליך אונזער ליבען זוהן און ברודער
יצחק ווײַצמאַן צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. בײַלטשע צוקער
מיר ווינשען דעם פערלאָבטען פאָרל, אַז זייער צוזאַמענבונד
זאָל זיין געשלאָסען מיט מזל און גליק.
עלטערן: לייבקע און פעריל ווייצמאַן
שוועסטערן און ברידער.

אַ הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פעטער ה ע ר ש ע ל צ ו ק ע ר
צו דער פערלאָבונג פון זיין טאָכטער
ב ײ ל ה צ ו ק ע ר מיט ה׳ י צ ח ק ו ו ײ צ מ א ן
פאַמיליע גרינשפאַן.

Biuro próśb, windykacji i buchalterji

„EXPRESS"

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

za dostępną opłatą

Redaguje prośby, podania, odwołania, umowy it.p.
przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.
informuje
załatwia korespondencję handlową i prywatną.
windykuje należności miejscowe i zamiejscowe o zdolności kredytowej.

i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące

Tanio! Szybko! Solidnie!

— די — שענסטע טאַפּעטען
צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען
אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאַן
ראַדאם, לובלינער 21.

PLAC JAGIELLOŃSKI •• PLAC JAGIELLOŃSKI

Już ostatnie dnie

LUNA-PARKU

W RADOMIU.

Gigantyczna Kolejka Górska

Schody ruchome | Muzeum | Koło śmiechu

Zespół Indjan i Kowbojów

Pałac Czarów | i moc różnych — atrakcyj. — Bufet na miejs. | Strzelnice

w Sobotę WIELKA ZABAWA LUDOWA

Balet!!! Dancing!!!

Luna Park otwarty od godz. 12 do 24-ej.
Wejście gr. 50 i gr. 30. — Na zaszczytne atrakcje ceny minim.

# שטרייק ביי די ראדאמער קאמאשענמאכער.

אין דער לעדער-בראנזשע איז פאריגע וואך אויסגעבראכען א שטרייק.

די קאמאשענמאכער, וועלכע בילדען אן'אנגעזעהענע צווייג אין דער היגער לעדער - אינדוסטריע האבען פערשטרייקט מיט זייערע מייסטער.

די פאדערונגען, וואס די קאמאשענמאכער שטעלען ארויס זענען: אז ס'זאל פעסטגעשטעלט ווערען א געוויסע פראדוצירונגס-נארמע און, אז דער ארבייטס-לוין זאל געדעקט ווערען מיט מזומנים און נישט מיט קיין וועקסלען.

וואס שייך דער ערשטער פאדערונג האנדעלט זיך אין דעם וואס די קאמאשענמאכער טענה'ען, אז זיי זענען נישט בכח אויסצוארבייטען דעם זעלבען סכום כאלעווקעס אין איין טאג, וואס זיי האבען געמוזט פריהער אויספיהרען. פערלאנגען זיי דעריבער איינצופיהרען א געוויסע נארמע ביי דער ארבייט פראפארציאנעל צו דער צאהל בעשעפטיגטע ביי יעדען ווארשטאט. ד"ה אזא סכום וואס זאל ענטשפרעכען זייערע פאקטישע ארבייט'ס-מעגליכקייטען. זיי פערלאנגען נישט קיין שום לוין-העכערונג, נאר אנשטאט, וואס ביז יעצט האט מען זיי געצאהלט מיט וועקסלען זאל מען זייער שכירות בעצאהלען מיט קאסע.

צווישען די קאמאשענמאכער מיט זייערע ארבייטס-געבער, די מייסטערס פיהרען זיך אונטערהאנדלונגען צו קומען צו א פערשטענדיגונג.

# ר' יאסעל, איהר זענט דאך א ארענטליכער יוד, טא פארוואס האלט איהר נישט פון כרחם אב על בנים?

אויף דער פאדוואלנא גאס וואהנט א יוד הייסט ער ר' יאסעל. ער איז א אייגענטימער פון א הויז און צווישען מענשען האט ער א גאנץ גוטען נאמען, ער איז א יודישער מענש און זינט יאהרען איז ער פון די ערשטע און פריהסטע שוהל-מתפללים סיי זומער און הינטער.

אבער ווייזט אויס, אז גערעכט זענען געווען אונזערע חכמים, וואס האבען געזאגט אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא. א בעוויז טאקע אט דער זעלבער ר' יאסעל. א רעליגיעזער יוד, א ארענטליכער מענש און דאך איז איהם אויף א געוויסען מאמענט ארויס פון זכרון דער כרחם אב על בנים און ער האט היינטיגע וואך בעוויזען א זאך, וואס פאסט ווייט נישט פאר אזא שטייגער מענש ווי ס'איז ר' יאסעל.

די געשיכטע איז אזעלכע:

מיט א פאר יאהר צוריק האט זיך ר' יאסעל'ס זוהן, מרדכי, פערליבט אין א מיידעל פייגע ק. א שניידערין, פערשטעהט זיך נישט קיין רייכע, אבער א שעהנע און דערצו א אנשטענדיג און טאליד מיידעל. דאס יונגע פארל איז זיך געגענזייטיג געפעלען און זיי האבען זיך ערקלערט אלס חתן-כלה. דעם רייכען טאטען ר' יאסעל מיט זיין בני בית איז דער שידוך נישט איינגעגאנגען און זיי האבען אויף דעם שריט פון זייער זוהן נישט מסכים געווען. מרדכי אבער האט זיך דערפון נישט געמאכט און געגען דעם רצון פון זיינע עלטערן האט ער מיט דעם מיידעל א חופה געשטעלט און חתונה געהאט כדת משה וישראל.

זינט דאמאלט זענען די בעציהונגען צווישען טאטע און זוהן אבגעקיהלט געווארען און האבען זיך דערווייטערט איינער פון צווייטען אזוי ווי פרעמדע. מרדכי האט נישט מעהר געהאט קיין דריסת הרגל אין הויז פון זיינע עלטערן און ער האט געמוזט טראגען דעם עול פרנסה פון זיין נייע היים אויף אייגענע פלייצעס. ער האט געטוהן אלץ כדי נישט אנצוקומען צו זיינע עלטערן. ער איז געפאהרען קיין ווארשא, פון דארט קיין לאדז און אזוי-מעטום געזוכט צו פערדינען אויף זיין אויסקומעניש.

דורך דער צייט האט זיך זיין פאמיליע פערגרעסערט. זיין פרוי האט איהם געבארען צוויי קינדערלעך און דאס לעבען איז געווארן אלץ שווערער און מעהר בעלאסטענדיגער. ער האט זיך אין דער פרעמד זעהר געמוטשעט און בעשלאסען צו ציהען צוריק א היים.

היינטיגע וואך איז ער געקומען מיט זיין פאמיליע קיין ראדאם און זיך געווענדעט צו זיינע עלטערן זיי זאלען איהם געבען א דירה אין זייער הויז. זיין בקשה איז אזוי שנעל נישט געהערט געווארען און בלית ברירה איז ער געקומען מיט זיין פרוי און די צוויי קליינע קינדער און זיך אריינגעצויגען מיט'ן כלי-בית אין א וואהנונג פון זיין טאטענס הויז, וואס איז גראד געשטאנען לעדיג. היות ער האט געטראפען דאס וואוינונג פערשלאסען. האט ער זיך פארלויפיג איינגעארדענט אין פאדער-הויז. דאס איז געשעהען מאנטאג א זייגער 10 אין אוונד.

ווען זיינע עלטערן האבען זיך פון דעם דערוויסט האבען זיי פראטעסטירט און ס'איז געווארן א גאנצער טומעל. ס'איז אנגעקומען פאליציי וועלכע האט אויפגעפאדערט דעם טאטען מיט'ן זוהן צוגעהן אין קאמיסאריאט און דארט

---

איהם בעסער געפעלען. רבקה'לע האט איהר מאריך אויסגעפיינערט און מיך האט מיין פרוי אויסגעלאכט, אבגענארט; רבקה'לע האט איהר מאן א ניי הארץ אריינגעזעצט, אבער מיין פרוי האט מיר הארץ ארויסגעריסען. אט וואס ס'איז דער אונטערשיד. אמת, איך האב שוין יעצט געלד אין טאקע א גרויסע א גרויפע סומע, אבער פאר וועמען געה איך ווידער אנהויבען ארבייטען? צו לוינט זיך ווידער איינשפאנען אין יאך פון לעבען פאר א אונטרייע פרוי? האב איך זיך אליין געפרעגט. ס'האט מיר שוין באנג געטוהן, נאך וואס כ'האב גענומען דאס געלד ביי רבקה'לע און איהר מאן. כ'בין יעגעם טאג ארומגעגאנגען ווי צעמישט און נישט געוואוסט וואס צוטוהן. געווען מאמענטען ווען ס'איז מיר איינגעפאלען צו נעמען דאס גאנצע געלד און צוריק עס ארויפטראגען צו דער הערשאפט סאמעלסאהן. אבער איך האב עס שוין נישט געקאנט זוהן. די 3000 גילדענע רענדלעך זענען שוין געלעגען אין די הענד פון מיין פרוי. זי האט עס מיט איהר ראפינירטקייט און פרויען-כיטריקייט ארויסבעקומען באלד ווי כ'האב עס אהיים געבראכט און געזאגט, אז כ'האב געפונען מכלומרשט א כשר'ע מציאה. בעזונדערס איז מיר געקומען א געדאנק אין קאפ אריין, אז כ'בין דאך א פאטער פון קינדער און איך בין מחויב פאר זיי צו ארבייטען. האב איך טאקע בעשלאסען זיך צו נעמען צום האנדעל.

אנגעהויבען די ערשטע האט מיין פרוי. זי האט נישט לאנג געקלערט און פאר די 3000 גאלדענע רענדלעך האט זי קודם-כל געדינגען א שעהנע וואהנונג און פאר א גרויסע סומע ברילאנטען און גאלדווארג. זי האט מ'ר געגעבען צו פארשטעהן, אז אין א צייט ווען די וואלוטע איז נישט זיכער און דאס געלד ווערט פון טאג צו טאג ביליגער איז די זיכערסטע זאך צוהאלטען קאסטבארע זאכען. כ'האב קוים גע'פועל'ט זי זאל מיר געבען א געוויסען טייל צום האנדעל. דאן בין איך אוועק קיין לאדז און געבראכט מאנופאקטור. די געשעפטען זענען אוועק זעהר גוט און איך בין כסדר געוואקסען אלץ גרעסער. ס'האט נישט לאנג געדויערט און איך בין געווארען א גרויסער גביר. דאן בין איך געווארען דער פריינד פון ה' סאמעלסאהן און פלעג זיין א אפטער גאסט אין זיין הויז.

מיין פריינד סאמעלסאהן און נאך מעהר זיין פרוי רבקה'לע, זענען געווען גליקליך מיט מיין גליק, און יעדעס מאהל, ווען איך פלעג ארויפקומען צו זיי האבען זיי פשוט נישט געוואוסט וואו צו זעצען מיך.

ס'איז דאן געווען די האסע-צייט. דאס געלד איז געפאלען און סחורה האט זיך געהויבען. דער דאלאר איז געשפרינגען 10 מאהל אין טאג און צוזאמען מיט איהם אויך די פרייזען אויף אלערליי סחורות. אפילו די קלענסטע טראנזאקציע האט בעטראפען מיליאנען. איך האב זיך גלענצענד אריענטירט אין דער לאגע און שטענדיג געזארגט דערפאר, אז איך זאל האבען א וואס גרעסערען לאגער מיט סחורה. איך האב געהאנדעלט אויף גרויס. אנגעצויגען א א גרויסען קרעדיט און ווען כ'האב בעצאהלט איז שוין געווען אזא אינפלאציע, אז כ'האב רעגולירט מיינע חובות מיט גראשענס, ווי מען זאגט.

מיט איין ווארט אין פערלויף פון א קורצע צייט האב איך מיך אזוי ארויפגעארבייט, אז איך האב זיך שוין געקאנט אויסגלייכען מיט ה' סאמעלסאהנ'ס רייכטום.

(פארטזעצונג קומט)

אין צונויפגעשטעלט געווארען א פראטאקאל וועגען דעם פארגעקומענעם פאל. א זייגער 12 ביינאכט איז אויסגעבראכען א נייע מחלוקה, ווידער איז פאליציי געקומען, אבער זעהענדיג, אז די וואהנונג איז נישט אויפגעריסען און גארנישט געריהרט, נישט מעהר נאר די קליינע קינדער ליגען אויפ׳ן בעטגעוואנט אין קארידאר, האבען זיי נישט געפונען פאר נויטיג אויף דעם צו רעאגירען און זענען אוועקגעגאנגען.

א גאנצע נאכט איז די דאזיגע פאמיליע געלעגען אין קארידאר, וואס איז אזוי גוט ווי אין דרויסען, און אין גאנצען געסעל האט זיך געטומעלט און געזשומעט. אויף צו-מארגענס, דינסטאג ווען די גאנצע געשיכטע איז בעוואוסט געווארען איז מען פון דער גאנצער געגנד געקומען צולויפען אויף בייזע קינדער און דער הויף איז שווארץ געווארען פון מענשען.

די דאזיגע האנדלונג פון עלטערען צו אנ׳אייגענעם זוהן האט אין אלע גאסען ארום ארויסגערופען גרויס פערדרוס. די שכנים פון ארום האבען כסדר גע׳טענה׳ט: ס׳טייטש ר׳ יאסעל, ס׳איז דאך א אייגען קינד, ווי קאן מען עפעס אזעלכעס? אויב אייער זוהן האט ליעב זיין פרוי און ער האט שוין מיט איהר צוויי קינדערלעך איז עס דאך בפירוש א זיווג מן השמים.—

ניין, ר׳ יאסעל, איהר זענט נישט גערעכט, איהר זענט דאך עפעס א רעליגעזער יוד, היינט וואו איז דער כרחם אב על בנים?

---

# לאזט נישט אונטערגעהן דעם איינציגען יודישען ארקעסטער.

## קאמוניקאט.

צו דער אידישער בעפעלקערונג אין ראדאם!

שוין איבער א יאהר צייט ווי עס עקזיסטירט אין ראדאם דער איינציגע יודיש-נאציאנאלער ארקעסטער ביים ביתר, און מען האט ערווארט פון דער יודישער בעפעלקערונג די געהעריגע אינטערשטיצונג ווי עס פערדינט אזא וויכטיגע אינסטיטוציע.

ליידער מוזן מיר קומען פאר דער עפענטליכקייט מיט א טרויעריגען בעריכט: צוליב דעם וואס די פינאנסיעלע לאגע פון דער ארקעסטער-סעקציע געפינט זיך אין זעהר א שלעכטען מצב, זענען מיר געווען געצוואונגען איבערצורייסען די לעהרע ביים פראפ. פ. גיטמער, וועלכער האט מיט זיין מסירת נפשדיגע ארבייט אוועקגעשטעלט דעם ארקעסטער אויף זיין געהעריגער מדרגה.

מיר זענען נאך אויך שולדיג א גרעסערע סומע געלד פאר די אינסטרומענטען און עס דראהט א געפאהר מען זאל די אינסטרומענטען צוריק צו נעמען.

דעריבער ווענדען מיר זיך מיט א הייסען אפעל צו דער ראדאמער אידישער בעפעלקערונג, אז זי זאל נישט לאזען אינטערגיין דעם דורך אונז מיט אזוי פיל מיה געשאפענעם איינציגען יודישען ארקעסטער אין שטאט.

צו דעם צוועק פראקלאמירען מיר א זאמעל-אקציע אויף איין וואך, פון 16-טען ביז׳ן 23-טען ד. ח. אין משך פון דער צייט וועלען אלע יודישע הייזער בעזוכט ווערען דורך אונזערע מיטגלידער און מיר פערהאפען דאס איהר וועט ארויסווייזען אייער פערשטענדניס פאר דער זאך און איהר וועט לויט אייערע מעגליכקייטען אנטייל נעמען אין דער רעטונגס אקציע, און נישט לאזען צום גרונד געהן דעם איינציגען יודישען ארקעסטער, וועלכער רעפרעזענטירט די גאנצע יודישע בעפעלקערונג אין שטאדט.

בברכת תל חי

די ארקעסטער סעקציע

ביים בית״ר אין ראדאם.

פערשווינדען ווי א שטיין אין וואסער

ה׳ שפייזמאן זוכט יעצט זיין „בריליאנטענעם" קונה.

# א גאנצע פאמיליע וואלגערט זיך אויף דער גאס שוין 10 טעג.

אויף דער שפאציער-גאס 8 וואוינט א געוויסע פאמיליע קירשענבלאט. די דאזיגע פאמיליע האט זיך שטענדיג מפרנס געווען בכבוד און געצאהלט רעגולער דירה-געלד. זייט א געוויסע צייט מאכט דורך די פאמיליע א שרעקליכען קריזיס און ביים בעסטען ווילען איז זי נישט געווען ביכולת צו בעצאהלען דירה-געלד פאר עטליכע קווארטאלען.

די הויז ווירטען ט. פרידמאן האט דאס נישט געקאנט דולדען און זי האט איהם איינגעקלאגט אין געריכט, פון וואנען זי האט ארויסבעקומען א עקסמיסיע. די פאריגע וואך האט זי די עקסמיסיע אויסגעפיהרט און דורכ׳ן קאמארניק געלאזט ארויסווארפען דעם לאקאטאר אויף דער גאס. שוין 10 טעג ווי אויפ׳ן הויף וואלגערען זיך ארום דאס ביסעל שטוב-זאכען מיט׳ן בעטגעוואנד אויף הפקר. די עקסמיטירטע פאמיליע בעשטעהט פון א מאן און פרוי און דריי קינדער. זיי אלע זענען נע ונד און יעדער נאכט נעכטיגען זיי ערגיץ אנדערש.

די נעכט זענען שוין היינט קיהלע און פייכטע און אלע מאהל „דעלעגירט" די פאמיליע א צווייטען, וועלכער וואכט א גאנצע נאכט און היט דאס ביסעל ארימקייט מ׳זאל עס נישט צע-גנב׳ענען.

אין די נעכט פון פאריגען פרייטאג און שבת ווען ס׳האט כסדר גערעגענט און ס׳האט געבלאזען א שריבער, קאלטער ווינט איז דאס ביסעל בעטגעוואנד פערנאסען געווארען און געווייקט זיך אין וואסער. די שכנים האבען דאס צוגעקוקט און זייערע הערצער איז נישט געריהרט געווארען, אז מ׳זאל דאס בעטגעוואנד אריינגעמן צו זיך און אבראטעווען דאס לעצטע ביסעל בעבעכעס פון א ארימע, אומגליקליכע פאמיליע. זיי האבען, אפנים, מורא נעהאט צו „נאראנשען" זיך מיט דער בעל-הבית׳טע און דער גודל פון די 5 ארויסגעווארפענע מענשען איז זיי געבליבען גאנץ גלייכגילטיג.

ס׳האט פשוט געגרוילט קוקענדיג

# געקומען קויפען, אבער ער האט זיך מישב געווען אז ס׳איז בעסער צו׳גנב׳ענען

## און צוגע׳לקח׳נט א פאר בריליאנטלער.

אין יובעליר - געשעפט פון זיינוויל שפייזמאן אויף רווינסקי איז אריינגעקומען א אונבעקאנטער קונה און געבעטען מ׳זאל איהם פערקויפען א גוט בריליאנטעל. דערביי האט דער אונבעקאנטער ערקלערט, אז אין שטאדט האט מען איהם געזאגט, אז אויב ער וויל זיין זיכער אין זיין קויף זאל ער זיך ווענדען צום ה׳ שפייזמאן, וועלכער איז א גרויסער עהרליכער מאן, צו וועמען ער קאן האבען דעם פולסטען צוטרוי.

דער ה׳ שפייזמאן איז געריהרט געווארען פון אזא „אפיניע" און ער האט דעם קונה אויפגענומען בכבוד גדול. ער האט געוויזען פערשידענע מוסטערען און געגעבען דעם אונבעקאנטען צו פערשטעהן די בעדייטונג און די קוואליטעט פון יעדען מין בעזונדער.

דער קונה האט זיך אויפגעזעהן אלס עלעגאנטער העררר און מיט זיין „באוואזשנע" האלטונג האט ע׳ זעהר אימפאנירט דעם ה׳ שפייזמאן. וועלכער האט געגלויבט, אז יענער איז געוויס געקומען קויפען און, אז ס׳וועט שוין ווערען א שטיקעל משא ומתן.

מאכענדיג א אנשטעל, אז ער מיינט „נא סעריא" האט דער אונבעקאנטער געפרובט אבדינגען פון דער פרייז, און ווי ער איז אזוי געשטאנען און געקליבען צווישען די בריליאנטלעך האט ער געבעטען דעם ה׳ שפייזמאן ער זאל איהם ווייזען אויך א גאלדען זייגעריל. ה׳ שפייזמאן האט געלאזט שטעהן אין דעם אפענעם שיפלאד דאס קעסטעלע מיט עטליכע בריליאנטלעך און אנדערע גאלד-זאכען און צוגעגאנגען צו דער שאנק ארויסנעמען א זייגעריל. אין זעלבען מאמענט וואס ה׳ שפייזמאן איז געשטאנען אויסגעדרעהט צו דער שאנק און געווען פערנומען מיט אויסקליבען א שעהן זייגעריל, האט דער אונבעקאנטער אריינגעלאזט אין קעשענע דאס קעסטעלע מיט די גוטע זאכען און שטיל אויף די שפיץ פינגער ארויס און פערשווינדען געווארען אזוי שנעל, אז איידער ה׳ שפייזמאן האט זיך רעכט אומגעקוקט איז שוין פון יענעם קיין זכר נישט געווען. ער איז ארויס איהם נאכיאגען אין גאס אבער יענער איז מיט די אבנים טובות

# קעלצער אבטיילונג.

## צי איז דאס אמת?

זינט א לענגערע צייט קורסירען אין קעלץ קלאנגען, אז אין יודישן שפיטאל זאלען די קראנקע בעהאנדעלט ווערען נישט אזוי ווי ס'ברויך צו זיין. אנשטאט א ווארימע בעציהונג צום קראנקען, וואס איז א נאטירליכע פליכט אין א שפיטאל זאלען די קראנקע זיך האבען צו בעקלאגען אויף שיקאנעס. איבערהויפט זאל זיך דערמיט אויסצייכענען די יודישע קראנקען-שוועסטער פון שפיטאל, וועמענס נאמען עס ווערט פון די קראנקע דערמאנט נישט מיט קיין שטארקען ליבע.

א געוויסער ה' וויינריב פון קעלץ גיט אונז איבער א פערדריסליכען פאקט ווי אזוי עס איז בעהאנדעלט געווארען דורך דער דערמאנטער שוועסטער א ארימע קראנקע פרוי פון לאגעוו.

דערווייל בעגנוגען מיר זיך מיט דער דאזיגער נאטיץ. מיר גלויבען, אז די קהלה-פערוואלטונג און די שפיטאל-מאכט וועלען דעם ענין געהעריג אויספארשען און אין פאל ווען ס'וועט זיך ארויסווייזען פאר אמת — א סוף מאכען צו אזא בעציהונג אין אזא הומאניטארע אינסטיטוציע ווי עס איז א שפיטאל.

## ארום דער פאליטישער שול-אפערע אין קעלץ.

ווי עס איז געווען פאראויסצוזעהן האבען די ארעסטען פון די שילער אין קעלץ ארויסגערופען אין גאנצען לאנד א גרויסע סענסאציע.

א בעזונדערע אויפרודערונג האט עס געמאכט אין די קריסטליכע געזעלשאפטליכע קרייזען אין קעלץ.

פאריגען פרייטאג, איז אין גרויסען וואיעוואודזטווא-זאל, פארגעקומען א פראטעסט-מיטינג פון איינינגע ארגאניזאציעס און דעם עלטערן-פערבאנד.

איינינגע רעדנער האבען מיט גרויס אויפרעגונג גערעדט וועגען דער אפערע און בעשולדיגט די ענדעקישע ארגאניזאציעס, אז זיי דעמאראליזירען די יוגענד. די זעלבע יוגענד — האט געזאגט פראס. קובסקי האט געווארפען שטיינער אויפ'ן פערשטארבענעם מלוכה פרעזידענט נארוטאוויטש און די זעלבע יוגענד שטרעבט צו אונרוהען אין לאנד.

צום סוף זענען אנגענומען געווארען רעזאלוציעס: 1) צו פאדערן פון דער מאכט, אז דער גאנצער לעהרער-פערסאנאל פון דער שניאדעצקי-שול זאל בעזייטיגט ווערען, 2) דורכפיהרען א אויספארשונג און שטרענג צו בעשטראפען די שולדיגע, 3) פונאנדערצולאזען די ענדעקישע יוגענד-ארגאניזאציעס.

# ספארט.

**מכבי** (קיעלץ) **גוויאזדא** (ווארשע)

2:3 (2:0)

שבת איז פארגעקומען א אינטערעסאנטער פוטבאל-מעטש צווישען דעם היגען „מכבי" און דעם מייכטער פון די יודישע ארבייטער-דרוזשינעס אין ווארשא „גוויאזדא". דער מעטש האט צוגעצויגן א עולם פון 2 טויזענד מאן.

ביז דער פויזע שפילען די געסט זעהר שוואך און קאנען נישט פערטיידיגען די שטורמישע אנגריפען פון די די בלוי-ווייסע, וועלכע ווייזען ארויס כסדר א הערליך שפיעלען. די עררייכטע 2 גאלען ביז דער פויזע זענען געווען דעריבער פאר „מכבי" פערדיענטע.

נאך דער פויזע בעמיהען זיך די געסט כאטש אויסצוגלייכען דעם רעזולטאט. פארט א חרפה אהיים צו פאהרען מיט גאלען פון א פראווינצער קלוב. נאך גרויס אנשטרענגונג שיסט די גוויאזדא" 2 גאלען. „מכבי" האט אבער גינסטיגע פאזיציעס און ביים ענדע איז דער רעזולטאט 3:2 לטובת „מכבי".

**גוויאזדא** (קיעלץ) **גוויאזדא** (ווארשע)

0 : 6

צומארגענס זונטאג האבען די געסט געשפיעלט מיט'ן קיעלצער ארבייטער-קלוב „גוויאזדא". דער רעזולטאט איז געווען 6:0 לטובת דער קיעלצער „גוויאזדא".

## פון „מכבי".

דער לייטער פון דער פוטבאל דרוזשינע ה' ש. אסטראוויטש פאהרט אינגיכען אב קיין אויסלאנד אויף שטודיען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ארדענט איין „מכבי" אין די נאהענסטע צייט א געזעגענונגס-באנקעט פאר ה' אסטראוויטש, וואס איז איינער פון די טיכטיגסטע מכבי-אנפיהרער אין קיעלץ.

# „מאראטאריום"...

### א אמת'ע דאטשע-פאסירונג.

(ענדע)

חברה לצים האבען אבער געוואלט מאיר'ן אבטוהן א שטיקעל. א מצוה אויף איהם. זאל ער נישט זיין אזוי פערגאלאפירט אין די וועקסלען, פראצענט, געלד א. א. וו.

זיצט מען אין וואלד און מען שמועסט, וועגען וועלט-קריזיס, וועגען דעם קראך אין דייטשלאנד, וועגען דעם, און יענעם באנקראט.

עולם זעהט פונדערווייטענס מאיר'ן רופט זיך אב איינער פון די חברותא.

— חברה, מען מוז איהם מאכען א „קאוואל". מיר וועלען איהם מודיע זיין, אז עס איז ערקלערט געווארען מאראטאריום...

— וועגען וואס שמועסט מען – גיט א פרעג מאיר באלד ביים אנקומען.

— אז אך און וועה איז צו אזא שמועס — רופט זיך אב איינער — ווער האט זיך געקענט ריכטען אויף אזא אומגליק, אז...

— וואס איז? — פרעגט מאיר א איבערשראקענער.

— אז עס איז געקומען אזוי ראפטאוונע — האקט איבער א צווייטער.

יעדער הויבט אן אריינווארפען א ווארט:

— מיר זענען איצט געבליבען קבצנים.

— דלפנים.

— אזא ארבייס געגאנגען פאר'ן טייוועל.

— אזוי פיעל געלד. איך אליין האב געליטען 10 טויזענד זלאטעס.

— ועט מען אמאהל צוריק אויסצאהלען?

— ווען משיח וועט קומען.

די גאנצע צייט איז מאיר געזיצען ווי אויף שפילקעס, פארפיהלענדיג, אז דא איז עפעס געשעהן א גרויס אומגליק, וואס ער וועט אייך דערפון ליידען. ערשט צום סוף ווען ער האט דערהערט פון איינעם דאס ווארט „מאראטאריום" האט זיך פון זיין האלז ארויסגעריסען א „אוי" און ער האט אנגעהויבען לויפען מיט'ן גאנצען כח און געהאלטען אין איין שרייען: מאראטאריום! מאראטאריום! גוואלד!

— — — — — — — — — —

אז ער איז אין 2 שעה ארום געקומען קיין קעלץ איז ער גלייך א פערסאפעטער ארויף אין דער באנק, וואו ער איז אריינגעפאלען מיט א ווילדען געשריי:

— גזלנים, גיט מיר אב ס'געלד! א מאראטאריום האט זיך אייך פערגלוסט... רויבער... גנבים...

— — — — — — — — —

איצט זיצט ער גאנצע טעג אין שטוב. פאר בושה מיידט ער עס יעדענס בליק. ער קאן עס זיך נישט שענקען, וואס איהם האט מען אזוי לייכט געקאנט אבנארען...

**לייבעלע.**

פ. ס. לידער ביז דער דאזיגער פעליטאן איז אבגעדרוקט געווארען האט זיך די לאגע אין קיעלץ אזוי געענדערט אז מען קאן עס בעטראכטען פאר א טרויעריגען אמת.

(סוף פון זייט 6)

אויפ'ן דאזיגען בילד.

מענשען געהען דארט פערבייי און קוקען זיך צו ווי דאס ביסעל כלי-בית ווערט רואינירט און יעדער פרעגט זיך פאר וואס דערלאזט מען עס? וואו איז די יודישע געזעלשאפט? וואו זענען די יודישע כלל-טהוער? יעדער הויבט מיט פלייצעס, טהוט א קרעכץ און געהט ווייטער. יא אויף אלע ליפען ליגט דער נאמען פון פערשטארבענעם האנדווערקער פרנס ל. ברילאנט. יא. ווען ער לעבט — זאגט איינער צום צווייטען — ווען ברילאנט לעבט וואלט אזעלכעס נישט פארגעקומען. ער וואלט שוין געטוהן. ער וואלט שוין אינטערווענירט און מיט אלע כחות געהאלפן דער דאזיגער פאמיליע אין זייער נויט.

לעבט ער אבער נישט אט דער ברילאנט. וואס האט געהאט א ווארים מענשליך הארץ און אויף זיין ארט איז ליידער נישטא, ווער ס'זאל איהם פערטרעטען.

יא, מיר האבען ב"ה א שטאדט מיט יודען קיין ע"ה, מיט רביים, רבנים, דיינים, גבאים, כלל-טהוער און סתם שעהנע יודען, אבער ס'זאל זיין ווער וואס זאל קומען און פרעגען: היתכן איז אזוי ריכטיג? און ער זאל טאקע עפעס טוהן פאר אט דער פאמיליע — אזעלכער איז נישטא.

איז טאקע זעהר טרויעריג. און די דאזיגע פאמיליע איז נע ונד און ווארט אויף א נס מן השמים, אז ס'זאל דערווייל נישט רעגענען און נישט בלאזען קיין ווינד.

# ערקלערונג און אויפפאדערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער קארעספאנדענץ פון ראדאם א. נ. „וואס הערט זיך אין ראדאם" וואס איז געדרוקט אין „מאמענט" פון דעם 12 אויגוסט ה. י. נומער 187 ערקלער איך דא-אז איך האב מיט דעם קיין שום שייכות נישט. איך בין דער פאקטישער קארעספאנדענט פון „מאמענט", אבער די דערמאנטע קארעספאנדענץ האט נישט קיין שייכות צו מיין פעדער און איך בין אבסאלוט פאר איהר נישט פעראנטווארטליך. די קארעספ. איז פאר מיר געווען אונערווארטעט ווי פאר יעדען געוועהנליכען לעזער.

איך פאדער אויף דעם אנאנימען „קארעספאנדענט" וואס בעהאלט זיך אונטער דער אונבעקאנטער אונטערשריפט יהודה בר בר, אז ער זאל נישט קריכען קיינעם אין וועג דורך הינטער-טהירען. איך וויים ווער ער איז און אין פאל ווען ער וועט ווייטער איבער'חזר'ען זיינע שטיק וועל איך איהם דעמאסקירען און פערעפענטליכען זיין „בעריהמטען" נאמען.

בן עיר.

# לונא - פארק אין ראדאם.

ראדאם האט הייגט אנ'אטראקציע.

ס'איז געקומען א לונא-פארק, וואס איז פאר דער בעפעלקערונג א נייעס. בעזוכט טאקע דער עולם אין א גרויסע צאהל דעם לונא-פארק און ווערט ממש ענטציקט פון די פערשידענע סענסאציאנעלע זאכען וואס ווערן דארטגעוויזן.

דער לונא - פארק פערנעמט א גרויסען שטח אויפ'ן פלאץ יאגעלאנסקי, וואו דער צירק איז געשטאנען. ער איז אבער פיער מאהל אזוי גרויס. ביינאכט טינקט זיך די גאנצע רייטשול אין א ים ליכט און א 3 ארקעסטער-מוזיק לאזט זיך הערען אויף ווייט און ברייט.

דער עולם ווילט זיך דארט און קאן פשוט נישט אבווינדערן זיך פון דעם עלעקטרישען לופט-ראד וואו מענשען ווילען זיך פאהרענדיג. די פאר שעה, וואס די בעזוכער פערברענגען דארט פערגעסען זיי פון קריזיס זיי אמוזירען זיך מיט די פערשידענע אינטערעסאנטע פערוויילונג'ס-אטראקציעס.


# צו דער סוחרי'שער עפענטליכקייט!

היינטיגען דינסטאג, דעם 11-טען אויגוסט, א זייגער 10 אווענד, ווען מיין זון, אברהם יוסף האט זיך געפונען אין צוג, וואס געהט אב פון קיעלץ קיין לאדז, איז איהם בעפאלען דער היגער עקספעדיטאר בעריש ראזענצווייג און מיט א מערדערליכער אכזריות'דיגקייט איהם שווער פערוואונדעט אין קאפ. מיין זוהן האט בעת מעשה געהאט ביי זיך א גרויסע געלד-סומע...

דעם דאזיגען געמיינעם טהאט גיב איך איבער צו דער סוחר'ישער עפענטליכקייט.

אהרן קליינשטיין קעלץ..

# ביליג! נוצט אויס די געלעגענהייט. ביליג!

די שוין אין ראדאם גוט-בעקאנטע דרוקעריי „רעקארד"

ראדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 9 איז די איינציגע אין ראדאם, וועלכע

פערטיגט אויס אלערליי דרוק-ארבייט צו זעהר ביליגע פרייזען

סאלידע ארבייט! לעצטע מאדערנע שריפטען. קומט און איבערצייגט אייך!

נור אויף א קורצע צייט. 100 וויזיטובקעס צוזאמען מיט דרוק 1.50 זל.

# אכטונג יודישע עלטערן!

דעם 2-ען חוששיען 1931 עפען איך די האנצעסיאנירטע 7-קלאסיגע פאוושעכנע שולע מיט רעגירונגס-רעכט אין ראדאם וויטאלדא 13

חוץ דעם וואס די וועלטליכע בילדונג וועט ווערען אינטערריכטעט דורך גוט-רוטינירטע קוואליפיצירטע לעהרער (בעשטעטיגט דירכ'ן שול-אינספעקטאר) וועט אויך ווערען די יודישע בילדונג געלערענט דורך די בעסטע פעדאגאגישע כחות אונטער דער לייטונג פון א דיפלאמירטען פעדאגאג.

דער פראגראם פון די יודישע לעהרע וועט זיין גענוי צוגעפאסט צום פראגראם פון דער בעריהממער העברעער שולע תחכמוני אין ווארשא. אויסער תורה, נביאים, כתובים. גרינדליך די העברעאישע שפראך, ליטעראטור, אידישע געשיכטע, רש"י, גמרא, תוספות, ספרי-מוסר, שלחן ערוך א. ז. וו. וועלכע זענען פאראויסגעזעהן אין פראגראם פון תחכמוני, וועט אויך ווערען יעדען טאג געדאווענט מיט די שילער. עס ווערט געלערענט מיט אנפאנג-קינדער ספעציעל עברי. א בעזונדערער אכט וועט ווערען געלעגט אויף דעד עטישער און דרך-ארץ'דיגער ערציהונג פון די שילער.

אידישער פאטער! אויב איהר שטרעבט באמת אז אייער קינד זאל זיין א געטרייער, געבילדעטער יוד און וועלטליכער מענש זאלט איהר אייך גוט בעטראכטען ביים יעצטיגען נייעם שול-יאהר און אנפערטרויען די ערציהנג וואס איז דער גורל פון דעם צוקונפטיגען לעבען פון אייער קינד, נאר אין אזעלכע הענד, וואס זענען פעראנטווארטליך פאר זייער לעהרע און זיי האבען די אנערקענונג דורך דיפלאם-צייגניש פון די אויטאריטעטען פון דער יודישע און אלטוועלטליכער וויסענשאפט, אז זיי שטעהען אויף דער געהעריגער הויך פון זייער אויפגאבע.

יודישע עלטערן! בעדענקט אייך גוט, איידער איהר גיט איבער דעם גורל פון ערציהונג פון אייער קינד.

שילער ווערען אנגענומען פון 6 יאהר אן. די איינשרייבונגען הויבען זיך אן דעם 23-ען שערפיען ה. י. און קומען פאר אין קאנצעלאריע פון דער שולע, וויטאלדא 13 פון 11 ביז 1 און פון 4 ביז 6 אווענד.

ל. מילמאן.

בעמערקונג: די פרייזען זענען צוגענגליכע. גענויע אינפארמאציעס ערטיילט די קאנצעלאריע.

# GAZOWNIA

## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

קעכלער גאזאווע אייזנס און צחיי פלאמיגע

קעכלעך פאמילינע און האטעלאווע

אייוועלעך צום באדען

אייוועלעך צום בראטען

אייזענס צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער

הייצערס צו פריזירער רעדלעך

„טערמא" אטאמאטישע אויף צו דערווארמען וואסער פאר דאקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פראפעסיעס.

אלערליי גאז-אפאראטען ווערען פערקויפט

——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאזאווניע פיהרט אויס שטוב - אינסטאלאציעס

אויף אויסצוצאהלען אין 12 ראטעס.

די גאז-אפאראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאזאווניע אויף מלאדזשאנאוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אלע אינפארמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאזאווניע טעל. 134



Redaktor Ch. M Herc

Drukarnia Wyd. Radomer Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20.